בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

## היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

## היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

## היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

## היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

## היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

## היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551


**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com


צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**


גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


הָאט דֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן?..............א

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט אִיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?...........................ב

קֶען מֶען צֶעטֵיילְן דָאס אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן
הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?.................................................ד

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ רֶעדְט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ?.................ז

זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ שְׁלָאפְן שָׁבוּעוֹת בַּייְנַאכְט,
אוֹיבּ מֶען פַאְרבְּרֶענְגְט דִי צַייט?.............................................ח

עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער בַּי"ת נִצְחִי?..........ט

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער? ...................יא

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ בַּיים גֶטְ'ן,
וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְטאִיךְ זִיךְ? ...............................................יג

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?.............................טז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פּוֹעֵלְ'ן בַּיי מַיין וַוייבּ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר?.......יז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


לָאז נִישְׁט יֶעדְן נוּצְן דַיין נָאמֶען ........................................א

זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס יֶעדְן טָאג ............................ב

דִי וָואס נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל -
דִי טוּעֶן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס .................................................ב

אִיר דַארְפְט זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן ..................... ג

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִסִים ..................... ה

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן בְּעִנְיָנֵי אֱמוּנָה ..................... ה

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פִיזִישֶׁע כֹּחוֹת אוּן
גֵייסְטִישֶׁע כֹּחוֹת ..................... ו

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן
מִיט מִיר אַלֵיין ..................... ז

עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן אוּן מְ'לוֹיפְט צוּ דִי בּוּנְקֶערְס ..................... ח

עֶס וֶועלְן קוּמֶען צַייטְן וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן
וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער ..................... ט

אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הַנָאָה אַז דוּ גֵייסְט זַיין דֶעם זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל ..................... י

אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן ..................... י

מֶען מוּז זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין ..................... יב

אַלֶע עֵצוֹת הֶעלְפְן נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמוּנָה ..................... יג

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם
רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא ..................... יד

אַז אִיר וֶועט בַּאדִינֶען דִי מַאמֶע, וֶועט מֶען אַייךְ
נִישְׁט דַארְפְן בַּאדִינֶען ..................... טו

זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט
דִי גוּטֶע עֶנְדֶע ..................... טז

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אֲפִילוּ
וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם ..................... יז

אַלֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ, אַלֶע ווִילְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן ..................... יח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## הָאט דֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ גוּטֶער פְרֵיינְט וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר אִים מְקָרֵב צוּ זַיין שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר ווִיל ווִיסְן דֶער מְקוֹר אַז דֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

בַּיי מִיר אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דִי בֶּעסְטֶע מְקוֹר, עֶר ווִיל אָבֶער ווִיסְן פוּן וואו עֶס נֶעמְט זִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בַּאווִיסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז מַיין שַׁבָּת סֵפֶר״. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער בָּאבוּבֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַפְתָּלִי צְבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶערוּפְן דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן: ״מַיין שַׁבָּת סֵפֶר״, אוֹיךְ הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט רֶבִּי מֹשֶׁה הַאלְבֶּערְשְׁטַאם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אוֹיךְ אִיז בַּאוְויסְט אַז דֶער קְדוּשַּׁת צִיּוֹן, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זַיין זוּן דֶער בָּאבּוֹבְעֶר רָב, רֶבִּי שְׁלֹמֹה - אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיז עֶר אַמָאל זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, הָאט דֶער טַאטֶע דֶער קְדוּשַּׁת צִיּוֹן גֶעקוֹיפְט אַ סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן דָאס גֶעלֵייגְט אִין בֶּעט פוּן רֶבִּי שְׁלֹמֹה פַאר אַ סְגוּלָה.

אוֹיךְ הָאבְּן דֶערְצֵיילְט דִי תַּלְמִידִים פוּן קְדוּשַּׁת צִיּוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דֶער רֶבִּי זֵייעֶרעֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן פוּן רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן אַפְּטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. זֵיי דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעען וִוי זֵייעֶר רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט דִי סְפָרִים.

ווִיפִיל מֶען ווִיל רֶעדְן קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע סְפָרִים - גֵייט דָאס נִישְׁט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קד.): "קוּשְׁטָא קָאֵי", אֱמֶת בְּלַייבְּט שְׁטֵיין, "שִׁיקְרָא לֹא קָאֵי", לִיגְנְט הַאלְט זִיךְ נִישְׁט, בַּיים סוֹף קוּמְט אַרוֹיס דֶער אֱמֶת; דָאס זֶעט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן, ווִיפִיל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן שְׁטֶעלְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי יוּגְנְט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, בְּלַייבְּט דֶער אֱמֶת. דִי סְפָרִים וֶוערְן מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים בְּרֶענְגֶען צוּרִיק טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט אִיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט אִיז דָא דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, עֶס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שׁוּץ פְּלֶעצֶער, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעלִיטְן פוּן פְּחָדִים, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס גֶעוָוארְן פִיל שְׁוֶוערֶער, אִיךְ

קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ פוּל מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶּערְס פַּייפְן אוּן מֶען הֶערְט וִוי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מִיר אִין אַמֶערִיקֶע וַוארְפְן זִיךְ פַאר שְׁרֶעק פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אֲפִילוּ פַאר דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נֵייעֶס; אַז מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶּערְס פַּייפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, עֶס פְלִיעֶן הוּנְדֶערְטֶער רַאקֶעטְן, מֶען דַארְף לוֹיפְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי בּוּנְקֶערְס - דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הֵייבּ אָן חַזֶרְ׳ן מִיט מַיין מוֹיל אֱמוּנָה, אִיךְ זָאג צוּ מִיר הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל: ״אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן מִיט מִיר נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט״; דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי פְּחָדִים לוֹיפְן מִיר נָאךְ, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: ״קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

**אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר", דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר.**
**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
...

## קֶען מֶען צֶעטֵיילְן דָאס אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, זֵיי זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן. אוֹיךְ דִי בְּרִיוו זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פַאר לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין לַאנְג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיסְצוּזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש אִין יַבְנְאֵל, אוּן יֶעצְט ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל פָארְן אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אַזוֹי ווִי אִיךְ זָאג שְׁטַייט אוּן שְׁוֶוער תְּהִלִּים, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט מִיטְצוּנֶעמֶען מַיין בְּרוּדֶער, אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן מִיטְ'ן סֵפֶר תְּהִלִּים, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי כַּוָּונָה פוּן מוֹהֲרָא"ש, אָדֶער מוּז זַיין דַוְקָא אַז אִיךְ אַלֵיין זָאל אוֹיסְזָאגְן דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר תְּהִלִּים?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּערְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיבּ דָאס אִיז אַ לְכַתְּחִלָּה צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, אָדֶער אִיז דָאס נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער זַיין אַלֵיין, נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט**

- איז אַסאַךְ שְׁוֶוערֶער; בְּכֵן זָאלְסְטוּ זִיכֶער גֵיין נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט בַּיים צִיּוּן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי צוּ דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט און סַיי צוּ דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוֹיב מֶען לֶערְנְט אָן קַיין לַחַץ פוּן וֶועלְן גְלַייךְ אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמְמֵּילָא יָבִין", וֶוען מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמְמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט שְׁוֶוערֶער דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף", און אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, "יָבִין אַחַר כָּךְ", וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, "וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ", און אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, "מַה בְּכָךְ" - אִיז וָואס? אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג ע"א; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה

לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין. וַוייל דָאס אִיז אַ גָאר אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, דוּרְךְ דֶעם וֶועג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן בַּיים סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיטְ'ן צִיל גְלַייךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַלֶע דִקְדוּקִים.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כוּלָּה (עַיֵּין

שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח), **עַיֵּין שָׁם.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ רֶעדְט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער מַיין וַוייבּ רֶעדְט נָאר לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, אוּן אִיךְ בִּין יָא אוֹיפְגֶעוואקְסְן רֶעדְנְדִיג אִידִישׁ. אִיךְ קֶען רֶעדְן לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן אַז אִין אוּנְזֶער הוֹיז וֶועט מֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין אִידִישׁ, דָאס אִיז דָאךְ דִי חֲסִידִישֶׁע אוּן עֶרְלִיכֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן רֶעדְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה, וַוייל עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֵעִיקָּרָא מַאי קָסָבַר וּלְבַסּוֹף מַאי קָסָבַר, וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט מִיט דִיר דֶעם שִׁידוּךְ? וָואס אִיז יֶעצְט פְּלוּצְלוּנְג גֶעשֶׁען? הָאסְט דָאס דָאךְ גֶעוְוּיסְט פָאְראוֹיס.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, אַ יִרְאַת שָׁמַיִם; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אַז דו ווילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן אִידִיש זָאלְסְטוּ זֵיי שִׁיקְן אִין אַ מוֹסָד וואו מֶען רֶעדְט אִידִיש; קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ סַיי אִין שְׁטוּבּ און סַיי אִין חֵדֶר.

זַיי נִישְׁט קַיין כָּפוּי טוֹבָה; אַז דו הָאסְט בַּאקוּמֶען אַן אֵשֶׁת חַיִל זָאלְסְטוּ אִיר שֶׁעצְן און אִיר מְכַבֵּד זַיין, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּקוּקְן. דֶער עִיקָר אִיז וָואס מֶען רֶעדְט; אַז מֶען רֶעדְט הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אִיז דֶער שְׁפְּרַאךְ לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ און אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיידֶל אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ; אִידִישׁ אִיז הֵיילִיג אַז מֶען רֶעדְט רֵיינֶע וֶוערְטֶער, אַז מֶען רֶעדְט דִיבּוּרֵי תּוֹרָה, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, ווידֶער אַז מֶען רֶעדְט ווי דִי אִידִישִׁיסְטְן רֶעדְן - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט הֵיילִיג, און אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ שְׁלָאפְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, אוֹיבּ מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז אוֹיבּ מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, מֶען רֵייכֶערְט מִיט חֲבֵרִים און דָאס גְלַייכְן, זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֵיין שְׁלָאפְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִישְׁט דֶעם תִּיקוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעזָאגְט: "שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער עִיקָר דָאס אוֹיפְזַיין, אוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז דֶער עִיקָר דָאס זָאגְן"; אָבֶער אַז מֶען טוּט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן אִיז זִיכֶער עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין שְׁלָאפְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט, ו): "שֵׁנָה לָרְשָׁעִים, נָאֶה לָהֶם וְנָאֶה לָעוֹלָם", וֶוען רְשָׁעִים שְׁלָאפְן אִיז גוּט פַאר יֶעדְן, אַזוֹי טוּעֶן זֵיי נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זַיין אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, אָבֶער אַז מֶען רֵייכֶערְט צִיגָרֶעטְלֶעךְ, מֶען אִיז מְחַלֵּל יוֹם טוֹב, מֶען מַאכְט חֲבוּרוֹת פוּן לֵצִים, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוּן נִיבּוּל פֶּה - אִיז קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה נִישְׁט אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן, אַזוֹי וֶועט זַיין נָאֶה לָהֶם וְנָאֶה לָעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אָדֶער בַּ״ת נִצְחִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי אַכְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה; אִיךְ לֶערְן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַאר אַפָּאר חֳדָשִׁים יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּנוֹסָף צוּ אַלֶע מַיינֶע לִימוּדִים, לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט אַז אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים, נָאר עֶס אִיז מֶער וִויכְטִיג אִיךְ זָאל לֶערְנֶען בַּ"ת נִצְחִי – בַּ'בְלִי, יְ'רוּשַׁלְמִי אוּן תּ'וֹסֶפְתָּא, אוּן עֶס אִיז

גֶענוּג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת. אַ בְּלַאט גְמָרָא לֶערְן אִיךְ יֶעדְן טָאג בָּרוּךְ הַשֵּׁם, הֲגַם אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן אִיךְ לֶערְן וַוייטֶער יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים, נָאכְאַלְץ קְלִינְגֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אִין מַיינֶע אוֹיעֶרְן; אֶפְשָׁר טַאקֶע זָאל אִיךְ לֶערְנֶען נָאר עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן עֶנְדֶערְשׁ צוּלֵייגְן תּוֹסֶפְתָּא מִיט יְרוּשַׁלְמִי?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דַיין וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט, אַזוֹי וִוי דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וֶוען אֵיינֶער וֶועט דִיר קוּמֶען זָאגְן וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט עֶסְן; אַז דַיין חַבֵר וֶועט דִיר זָאגְן עֶס נָאר צְוֵויי בְּרוֹיט אוּן עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ עֶסְן פִיר אַייעֶר אוּן דְרֵיי טָאמַאטֶעס, וֶועסְטוּ אִים זָאגְן: "דוּ עֶס וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר, אוּן אִיךְ וֶועל עֶסְן וָואס אִיז גֶעשְׁמַאק פַאר מִיר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דַיינֶע שִׁיעוּרִים; אַז דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי סֵדֶר, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ צִיל צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. דָאס קֶען מֶען טוּן צוּבִּיסְלִיךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל; אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נָאר לֶערְנֶען מַמָּשׁ אַ בְּרֶעקְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים - וֶועסְטוּ בְּמֶשֶׁךְ דַיין לֶעבְּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת; מוֹהֲרַ"ן פְּלֶעגְט אַלְץ זָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעגֶעבְּן לְכַמָּה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ תִּיקוּן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן (סִימָן קפה): "לְכַמָּה אֲנָשִׁים צִוָּה לוֹמַר חַ"י [שְׁמוֹנֶה עָשָׂר] פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם", זָאגְט מוֹהֲרַ"שׁ, אִיז דָאךְ גוּט זִיךְ אַרַיין צוּ שְׁטֶעקְן

דֶעם קָאפּ און זַיין פון רֶבִּינ׳ס לַייט וָואס טוּעֶן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים כִּמְעַט יֶעדְן טָאג שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן, און עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס דָאס גֶעבְּט פַאר'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס פְרֶעגְן און אִיךְ הָאף אַז דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן דִי גֶעפִילְן. מִיר וַוארְטְן שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן גָאר אַסַאךְ פְּעוּלוֹת, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת - גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

אִין דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע הַבְטָחוֹת פוּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים און גְדוֹלִים, אַז מִיר וֶועלְן זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, און צוּם סוֹף הָאט זִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק זָאל מַמָשׁ צוּזָאגְן אַז אִיךְ וֶועל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נִישְׁט מִיט אַ בְּרָכָה נָאר מִיט אַן הַבְטָחָה, און צוּם סוֹף זָאל עֶס נִישְׁט מְקוּיָם וֶוערְן?

אִיךְ בִּין חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין קֵיינֶעם, אִיךְ רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אִיךְ ווִיל נָאר פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דָאס קֶען פַּאסִירְן, און אִיךְ דַארְף חִיזוּק זִיךְ צוּזַאם צוּ נֶעמֶען דִי כֹּחוֹת, און וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִין דִי גְדוֹלֵי הַדוֹר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער זֶענֶען דִי גְּדוֹלִים, וֶוער זֶענֶען דִי צַדִיקִים; מֶען קֶען גוּט אוֹיסְפָּאפְּן מֶענְטְשְׁן. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, זֵיי פָּאפְּן אוֹיס, זֵיי זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי זֶעעֶן זַאכְן וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל וֶוען זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן, זֵיי אַרְבֶּעטְן צוּ בַּא׳גַנְבְ׳נֶען מֶענְטְשְׁן, נֶעבֶּעךְ, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְנַארְט דוּרְךְ זֵיי.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט מְיוּאָשׁ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן קִינְדֶער; טוּט וָואס חַנָה, דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא - הָאט גֶעטוּן, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א א, יב): ״וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵל לִפְנֵי ה׳״, חַנָה הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ד, א): ״שֶׁכָּל הַמַרְבֶּה בִּתְפִלָּה נֶעֱנֶה״; פוּן דָא זֶעט מֶען אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן.

מַאכְט אַייךְ אַ פּוּשְׁקֶע אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן פִינְף הוּנְדֶערְט צְוֵויי אוּן נַיינְצִיג פְּרוּטוֹת (אִין דָאלֶער אִיז דָאס כִּמְעַט זֶעקְס דָאלֶער אוּן אִין שֶׁקֶל אִיז דָאס כִּמְעַט זֶעקְס שֶׁקֶל) אוּן בֶּעטְן: ״**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, תֵּן לִי בָּנִים, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער**״, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב׳, סִימָן יד; תְּפִלָּה חֵלֶק ב׳, סִימָן ט): ״יֵשׁ תְּפִלּוֹת״, עֶס זֶענֶען דָא תְּפִילוֹת, ״שֶׁאֵינָם נִתְקַבְּלִים לְמַעְלָה״, וָואס וֶוערְט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען אוֹיבְן, ״אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִים כָּל כָּךְ מָעוֹת לִצְדָקָה״, נָאר בִּיז מֶען גֶעבְּט

אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַּאר צְדָקָה, "כְּפִי מִסְפַּר הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הַתְּפִלָּה הַשַּׁיָּךְ לְזֶה הַדָּבָר", אַזוֹיפִיל וִוי עֶס בַּאטְרֶעפְט דִי צָאל פוּן דִי תְּפִלָּה, "לְמָשָׁל", דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ מָשָׁל, "כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת: 'תֵּן לִי בָּנִים'", ווען מֶען בֶּעט, גֶעב מִיר קִינְדֶער, "צָרִיךְ לִתֵּן צְדָקָה", דַארְף מֶען גֶעבְּן פַּאר צְדָקָה, "כְּמִסְפַּר אוֹתִיּוֹת 'תֵּן לִי בָּנִים'", וִויפִיל עֶס בַּאטְרֶעפְט דִי צָאל פוּן 'גֶעב מִיר קִינְדֶער'; אוּן דִי גֶעלְט זָאלְט אִיר גֶעבְּן פַּאר אָרֶעמֶעלַייט, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, בָּנִים סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן, "וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר אָרֶעמֶעלַייט, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", אוּן עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן דָאס גֶעטוּן; אַנְשְׁטָאט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר דָאקְטוֹרִים וָואס קֶענֶען סַיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אִין שְׁטוּבּ אוּן יֶעדֶעס מָאל גֶעגֶעבְּן דִי סְכוּם פְּרוּטוֹת פַּאר צְדָקָה. זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן אַ פְּשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי פְּרוּטוֹת מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת צְדָקָה, סִימָן כז; תְּפִלָּה, סִימָן מה): "עַל יְדֵי צְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם", ווען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, "תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלָּה; אוּן דֶערְבֵּיי גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'תֵּן לִי בָּנִים', זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט פַּאר אָרֶעמֶעלַייט אוּן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער שֶׁלֹּא עַל פִּי דֶרֶךְ הַטֶּבַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ בַּיים גֵט'ן, ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ בִּין אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב, סַיי אִין רוּחָנִיּוּת וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אוּן סַיי מִיט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּב, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ גֶטְ'ן. אִיךְ מַיין אַז פִיל עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת אִין לֶעבְּן וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרִיבֶּער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, אוּן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פוּן חִיזּוּק, עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן אוּן עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער לַיידְן; דִי צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִין דַיין פַּאל, וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט זִיךְ צוּ גֶטְ'ן, הָאבּ אִיךְ אֵיין עֵצָה פַאר דִיר; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דִי עֵצָה וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין דַיין מַצָּב. גֵיי אִין אַ ווִינְקְל וואוּ עֶס אִיז לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, זָאג אִים וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פְּרָטִים, זָאג אִים אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ בִּיז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ.

מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לִיבֶּער חָבֵר; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי

עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן - דָאס גֵייט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, מִיט דִי עֵצָה וֶועט עֶר אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קַיין אֵיין שָׁאס פוּלְוֶוער"; עֶר וֶועט נִישְׁט שִׁיסְן אוֹיף אַלֶע פֶעלְקֶער, עֶר וֶועט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַדְרֶעסְס צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעסְס: גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם דִי עֵצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דָאס אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, זֵיי גֵייעְן זִיךְ גֶטְ'ן, זֵיי גֵייעְן זִיךְ צֶעטֵיילְן; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צַעַר אַז מַיין שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּיז אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער; עֶס פֶעלְט מִיר אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע וָואס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, עֶס פֶעלְט מִיר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, עֶס פֶעלְט מִיר אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ; נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעסְט מַיין הַארְץ וִוי אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל זַיין גוּט, וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, טוּן מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער אַזוֹי שְׁוֶוער.

**הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ; גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיז מַיין חֲתוּנָה, בִּיז אִיךְ וֶועל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".**

**דִי תְּפִלָּה זָאלְסְטוּ זָאגְן אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ וֶועלְט; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן זִיכֶער, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין פַארְלוֹירְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## **ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נָאךְ קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער, מַיין וַוייבּ פְרֶעגְט מִיר אָבֶער מִיט וֵוייטָאג וֶוען מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שֵׁיינֶע פִילֶע שְׁטִיבֶּער מִיט לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען?

אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר אַלְץ מְחַזֵּק צוּ זַיין מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט תְּפִלָּה, זִי אִיז אָבֶער זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט אוּן צֶעבְּרָאכְן. וָואס קֶען מֶען טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פַארְוָואס וֵויינֶען? פַארְוָואס זַיין צֶעבְּרָאכְן? אִיר הָאט דָאךְ גֶעזוּנְטֶע**

קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים, אוֹיף דִי גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶערְלֶעךְ! וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת וֵויינֶען אַז זֵיי ווִילְן אֵיין קִינְד, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אֵיין קִינְד אוּן אִיר הָאט צְוֵויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - וָואס פֶעלְט אַייךְ?!

הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט אָן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הֶערְט אוֹיף וֵויינֶען, הֶערְט אוֹיף קְלָאגְן; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם), דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אָבֶער עֶר הָאט אַלֶעס גֶעהַאט, אִין קָאפּ הָאט עֶר אַלֶעס גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר הָאט שׂוֹין גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט. זַיין וַוייבּ אִיז יָא גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל אוֹיבֶער חָכָם, זִי פְלֶעגְט אִים אַלְץ זָאגְן, קוּק אוֹיף יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט שׂוֹין צֶען קִינְדֶער, יֶענֶער הָאט שׂוֹין צְוָואנְצִיג קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן נָאר אֵיין קִינְד, מִיר הָאבְּן נָאר צְוֵויי קִינְדֶער! פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, אוּן ווִידֶער וָואס דַארְפְן מִיר רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר זֶען וָואס מִיר הָאבְּן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זָאג דַיין וַוייבּ, אַנְשְׁטָאט זִי זָאל וֵויינֶען אוֹיף נָאךְ קִינְדֶער זָאל זִי אִין דִי צַייט טַאנְצְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס אִיר הָאט, דָאס וֶועט מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר נָאךְ נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פּוֹעֵל'ן בַּיי מַיין וַוייבּ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, אוּן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַז מַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר

אָבֶער זִי וִויל נִישְׁט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם, אָדֶער נָאר מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא: שֵׁיין רֶעדְן; אַז דוּ וֶועסְט מִיט אִיר שֵׁיין רֶעדְן, דוּ וֶועסְט אִיר זָאגְן דִי שְׂכַר וָואס מֶען בַּאקוּמְט אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר, דוּ וֶועסְט אִיר דֶערְצֵיילְן וָואס צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט וָואס הָאר אִיז, וָואס פַּאר אַ צָרוֹת מֶען בְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ דוּרְכְדֶעם - וֶועט זִי שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן דִי הָאר.

אִיךְ הָאבּ כַּמָּה פְּעָמִים גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דִי וֶוערְטֶער: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווּיסְט וָואס פַּאר אַ צָרוֹת מֶען קֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר וָואלְט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעגְלִיסְט דָאס בִּיסְל הָאר"; אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט אִיר מִיט סַבְלָנוּת, דוּ וֶועסְט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט פְרֶעגְן אוּן בֶּעטְן וֶועט זִי מִיט דִי צַייט טוּן דַיין ווִילְן.

אוֹיבּ זִי זָאגְט דִיר: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוּן הֶער אוֹיף רֶעדְן פוּן דֶעם", - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ טָארְסְט מֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט קֶענְסְטוּ אוּן זָאלְסְט נָאכְאַמָאל אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁמוּעֶס אוּן שֵׁיין רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיר זָאגְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אִיר, דוּ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער. זָאג אִיר אַז דוּ גֵייסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אִיר זַיין גְרִינְג צוּ טוּן, אוּן דוּ זָאלְסְט טַאקֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה, אַז בֵּיידֶע פוּן עֶנְק זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן דִי הָאר - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## לָאז נִישְׁט יֶעדְן נוּצְן דַיין נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט, דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין, גֶעלַאסְן, מִיט סַבְלָנוּת צוּ דַיין וַוייבּ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ.

דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ; דַארְפְסְטוּ אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, זָארְגְן פַאר אִיר זִי זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין נָאמֶען, גֶעבּ נִישְׁט דַיין נָאמֶען פַאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קַאר. אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן דַיין קַאר פַאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֵייסֶענְס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן מַאכְן שָׁאדְן. יֶעצְט הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַ בָּחוּר, דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אֵיינֶער פָּארְט וִוי אַ רוֹצֵחַ; דָאס אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִיר.

וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ צָרוֹת? לָאז אָפּ דִי סָארְט מִצְוֹת, שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי זַאכְן; הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְפְסְטוּ טוּן מִצְוֹת מִיט דַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין.

...

## זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר ווילְט וויסְן וָואס זִיךְ פָּארְצוּוֶנְעמֶען, אַ גוּטֶע זַאךְ; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיר הָאט נִישְׁט אִין וָואס זִיךְ צוּ פַאַרְבֶּעסֶערְן וַוייל אִיר זֶענְט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט גוּט, אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת זָאגְן אַז אִיר זֶענְט אֵיידְל, אִיר זֶענְט צְנִיעוּת'דִיג, אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; דַארְפְט אִיר זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן, וַוייטֶער אָנְגֵיין - מִיט דִי גוּטֶע וֶועג.

אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן, וָואס אִיר זָאלְט צוּלֵייגְן צוּ אַייעֶר סֵדֶר הַיוֹם; גֶעוואוּינְט אַייךְ צוּ צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס יֶעדְן טָאג. בֶּעט אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי טַייטְשׁ פוּן דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס; דָאס זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה; אִיר וֶועט שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר'.

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## דִי וָואס נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל - דִי טוּעֶן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֲבֵר הַנְהָלַת קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי רְשִׁימָה פוּן דִי וָואס ווילְן נִישְׁט צָאלְן דִי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער, וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין

שְׁטֶעטְל, זַיין אַ חֵלֶק פון דִי קְהִילָה - דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט דִי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֵיי נִישְׁט דַארְפְן נָאכְלוֹיפְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי פָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס; דוּ בֶּעט זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט, מֶער פון דֶעם קֶענְסְטוּ נִישְׁט טוּן. וָואס מֵיינְסְטוּ? וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד? זֵיי מֵיינֶען מֶען קֶען מִיר בַּא׳גַנְבְ׳עֶנֶען, מִיר קֶען קֵיינֶער נִישְׁט בַּא׳גַנְבְ׳עֶנֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט און אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט. דִי וָואס צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, דִי וָואס נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל - דִי טוּעֶן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, און דִי וָואס שְׁפִּילְן אוֹיס, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס - זֵיי טוּעֶן נָאר פַּאר זִיךְ.

זַיי שְׁטַארְק, וֶוער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פון הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן און דִי מוֹסָד, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, דִי אַלֶע וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן און זָאלְסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אִים.

...

### אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען, אַזַא טֵייעֶרֶער מַאן; אַ תַּלְמִיד חָכָם און אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מִדּוֹת.

נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ מַאן מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ בַּעַל מִידּוֹת אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ יְרֵא שָׁמַיִם אָבֶּער אַ

שְׁלֶעכְטֶער, און אַזוֹי וַוייטֶער; אִיר הָאט אַ מַאן מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְרֶעגְט, וָואס אִיר זָאלְט טוּן וֶוען פְרוֹיעֶן זָאגְן אַייךְ וְכוּ׳; עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער צוּ הֶערְן וִוי נַארִישׁ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, צוּ גֵיין רֶעדְן צוּ אַ פְרוֹי פוּן אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער מַאן אִיז אַרִיבֶּער. אִיךְ זָאג אַייךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר בְּרִיוו אִיז מִיר פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן צוּ הֶערְן אַז פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן נָאר רֶעדְן צוּ אַייךְ פוּן אַייעֶר מַאן׳ס עָבַר, פוּן זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שִׁידוּךְ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אוֹיבּ אִיז דָאס פְרוֹיעֶן תַּלְמִידוֹת פוּן מַיין סְקוּל וִויל אִיךְ וִויסְן וֶוער דִי נַארִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֶענֶען; עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין, אִיז דָאס אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן - בִּין אִיךְ דָאךְ נִישְׁט פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ.

אַייךְ זָאג אִיךְ, דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַייךְ אַרַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אִיז נָאר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז נָאר צוּ שְׁטֶערְן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אַייךְ און אַייעֶר מַאן; אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט פַארְ׳ן שִׁידוּךְ: "אִיר זֶענְט דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ פַאר אַייעֶר מַאן"; עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס דְרָכִים, בִּפְרַט אִין דֶער עִנְיָן פוּן שִׁידוּכִים.

דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל טַייכְן טְרֶערְן פְרוֹיעֶן פַארְגִיסְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט אַלֶעס וָואס זֶעט אוֹיס גְלַאנְצֶעדִיג פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז טַאקֶע גְלַאנְצֶעדִיג, נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי וָואס שְׁמֵייכְלְט - מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִיר גוּט. עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹי סַאךְ צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, און אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם - דַארְפְט אִיר נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִסִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זַייט אַייךְ מְחַזֵּק, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם; עֶנְקֶער יְשׁוּעָה שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים טִיר, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִסִּים.

בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זָאלְן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, פְּרוּבִּירְט צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר זָאגְן דֶעם יוֹם.

בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה - וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט, הַאלְטְס דִי שְׁטוּב רֵיין אוּן הֵיילִיג.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר אַייךְ, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר גֵייט זֶען אָט אָט אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

...

## מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן בְּעִנְיָנֵי אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים - זָאלְסְטוּ טוּן דִי מִצְוָה.

דֶער בָּחוּר אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ גוֹיִם; עֶר מֵיינְט דִי גוֹיִם וֶועלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים. עֶר מַאכְט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר רֶעדְט קֶעגְן אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

גֶעבּ אִים עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אָבֶּער טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן בְּעִנְיָנֵי אֱמוּנָה, וֶוער עֶס טַעֲנָה'עֶט זִיךְ אִין אֱמוּנָה - דֶער פַאלְט נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין כְּפִירוֹת.

אַגַב, דֶער בָּחוּר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַ צַייט צוּרִיק

אָבֶער זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט, זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִי יְשִׁיבָה, וַהֲוָה מַה דַּהֲוָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא, אוֹיךְ זָאג תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פִּיזִישֶׁע כֹּחוֹת אוּן גֵייסְטִישֶׁע כֹּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טְרַאכְט אַבִּיסְל אַרַיין וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, וִויפִיל חֲסָדִים עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז אַהֶער. דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזוֹי רַייךְ, דַארְפְסְטוּ אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען טָאג אוּן נַאכְט נָאר דַאנְקֶען וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם הַגַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוֹיךְ וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וַוייל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פִּיזִישֶׁע כֹּחוֹת אוּן גֵייסְטִישֶׁע כֹּחוֹת; עֶס שְׁטַארְקְט דִי נֶערְוְון, עֶס שְׁטַארְקְט דִי מוּסְקְלֶען.

זַיי מַקְפִּיד צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר נָאר חֲסָדִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיין, אִיךְ זָאל זִיךְ לִיב הָאבְּן, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן.

דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס; אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס, אוּן נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ; אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיינְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל שׁוֹין וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין לֶעבְּן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַיין מִשְׁפָּחָה; אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דִי גוֹיִם הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ ׳אַ שָׁאד אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ׳; אִיךְ ווִיל נָאר אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן זֵיי, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן דִי צְנִיעוּת׳דִיגֶע וֶועג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵייז מִיר אוֹיס פוּן מַיין תְּפִיסָה; מַיין מֹחַ אִיז אִין תְּפִיסָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט מִיר, אִיךְ ווִיל אַלְץ זַיין אַ צְוֵוייטֶער. הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דִי זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, וַוייז מִיר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעטוּן צוּ מַיין מִשְׁפָּחָה; זֵיי הָאבְּן פַארְבְּרֶעֶנְט מַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, פַארְוָואס ווִיל אִיךְ זַיין ווִי זֵיי?!

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיר לִיבְּן, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי״.

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, וֶועט אִיר וֶוערְן אַ נֵייעֶר

מֶענְטְשׁ; אִיר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר תְּפִיסָה.

...

## עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן אוּן מְ׳לוֹיפְט צוּ דִי בּוּנְקֶערְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעק וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דִי אַרַאבֶּער זֶענֶען צֶעוִוילְדֶעוֶועט, עֶס אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת. עֶס צִינְדְן זִיךְ אָן דִי פַּייפֶערְס, אַלֶע לוֹיפְן אִין דִי בּוּנְקֶערְס, מֶען וַוארְט בִּיז מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז פוּן יֶעדֶע זַאךְ זָאלְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען רְמָזִים וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס דַארְף אוּנְז דֶערְמַאנֶען, וֶוען עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, - דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין (יְשַׁעְיָה כו, כ): "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ [...], חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם", דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ, זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן אוּן דָארְטְן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים. דָאס לֶערְן אִיךְ פוּנֶעם בּוּנְקֶער, דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס - אִיז הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן; דוּ זֶעסְט דָאךְ אַז עוֹלָם הַזֶּה אִיז נִישְׁטָא, וְויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ כַאפְּן דִי עוֹלָם הַזֶּה - לוֹיפְט עֶס אַוֶועק פוּן דִיר, פְּרוּבִּיר צוּ כַאפְּן יֶענֶע וֶועלְט - תַּכְלִית.

...

## עֶס וֶועלְן קוּמֶען צַייטְן וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ שָׁאד דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט אַרָאפּ יֶעדְן טָאג וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה, אַלֶעס וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ אוּן וִוי שֵׁיין מִיר דֶערְהַאלְטְן זִיךְ.

עֶס וֶועלְן קוּמֶען צַייטְן וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער; וְוִיפִיל שְׁטֶערוּנְגֶען, וְוִיפִיל רְדִיפוֹת, בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ. זָאלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וִויסְן וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אוּן וִוי שֵׁיין מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי שְׁלִיחוּת מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, עֶפֶּעס הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״שׁוֹין זָאלְסְטוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן? עֶס וַוארְט דִיר נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן!״ הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט פְּשַׁט, אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן, ׳עֶס וַוארְט נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן׳, דָאס מֵיינְט אַסַאךְ פְּרוּאוְוִינְגֶען.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז אוּנְזֶער עָמָל גֵייט אוֹיף בּוֹיעֶן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אוֹיפְשְׁטֶעלְן סָאלְדַאטְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ זָאלְסְט קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טוּן פַאר אַנְדֶערֶע, זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ.

...

## אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ גֵייסְט זַיין דֶעם זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ גֵייסְט זַיין דֶעם זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל, דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין.

דֶער שְׁטֶעטְל אִיז דֶער פְּלַאץ וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעפִירְט זַיינֶע לַייט חוּץ לְיִשּׁוּב. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה), דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעפִירְט חוּץ לְיִשּׁוּב, דָארְט אִיז גֶעוֶוען בֵּיימֶער וואוּ זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ טַייךְ וואוּ זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער וֶועלְט, עַיֵּין שָׁם.

אֶפְשָׁר וֶוען דוּ וֶועסְט טוֹעֶם זַיין פוּן דִי גַן עֵדֶן, וֶועט דִיר פַארְגֶלִיסְטְן צוּ בְּלַייבְּן אִין גַן עֵדֶן.

...

## אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אָנְצוּהֵייבְּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען

מִיט'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער רֶבִּי אִיז דָא, רֶבִּי נָתָן אִיז דָא אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאנֵייט.

אִיךְ וֶועל מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף נָאךְ קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת; נֶעכְטְן נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען מִיט אַזַא שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען מָארְגְן בַּיים שִׁיעוּר; עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט מֶען שׁוֹין רֶעדְן? וָואס וֶועט מֶען שׁוֹין מְחַדֵּשׁ זַיין? אִיךְ וֵוייס דָאךְ אַלֶעס', דֶעמָאלְט אִיז גָאר ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, ווַייל וֶוען מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן אָפְּקִילְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ יָאר. אִיךְ בָּארְג נִישְׁט פַאר מַיינֶעט וֶועגְן; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן דִי מוֹסָד פַאר מִיר, אִיךְ קוּם דִיר גָארְנִישְׁט אוּן דוּ קוּמְסְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ נֶעם נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, דַיין שְׂכַר לִימוּד וָואס דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אָדֶער גֶעבְּסְט יָא - דָאס גֵייט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן דִי מוֹסָד, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ זוּךְ צוּ בָּארְגְן פַאר דִי מוֹסָד, אִיךְ דַארְף יֶעצְט קוֹיפְן שְׁטָחִים פַאר דִי עָתִיד פוּן דִי שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר בָּארְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָא גִיסְט זִיךְ גֶעלְט; מֶען זֶעט ווִי עֶס בּוֹיעֶן זִיךְ מוֹסְדוֹת, מִיר הָאבְּן שׁוֹין דְרֵיי חֲדָרִים, צְוֵוייי מֵיידְל סְקוּלְס, צְוֵויי כּוֹלְלִים, אַ יְשִׁיבָה, אַ בֵּית הַדְפוּס וואוּ מֶען דְרוּקְט אַ יָאר קָרוֹב צוּ אַ מִילְיָאן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת וְכוּ', וְעַל כּוּלָם אַ שְׁטֶעטְל; מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶפֶנְט דֶעם שַׁבָּת דֶעם דְרִיטְן שׁוּל, יֶעצְט עֶנְדִיגְט מֶען אַ דְרִיטֶע מִקְוֶה; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶער סוֹד פוּן וואוּ מִיר הָאבְּן דָאס אַלֶעס, מִיר גֵייעֶן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען מוּז זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב הָאב זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי בִּילְדֶער וָואס דוּ שִׁיקְסְט מִיר פוּן עֶנְקֶער חַבוּרָה; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ טוּסְט, אַז דוּ נֶעמְסְט צַאם אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן.

קֶענְסְט גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר זָאל עֶס זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען זָאל זִיצְן שְׁטִיל, נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין; אוֹיב מֶען שְׁמוּעֶסְט בִּשְׁעַתְ׳ן שִׁיעוּר אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, מֶען מוּז זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ; יֶעדֶע וָואךְ זָאל אַ צְוֵוייטֶער דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט שֵׁיינֶע סִיפּוּרִים צוּ דֶערְצֵיילְן, גֶעבְּט נָאר אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן גֶעלְט אוּן פוּן אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

שִׁיק מִיר בִּילְדֶער פוּן דִי חַבוּרָה פוּן יֶעדֶע וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע עֵצוֹת הֶעלְפְן נָאר אוֹיב מֶען הָאט אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז דָא אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים סְגוּלוֹת פַאר דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת סְגוּלָה חֵלֶק ב', סִימָן ג): "מֵי גְּשָׁמִים מְסֻגָּלִין", טְרִינְקֶען רֶעגְן וַואסֶער אִיז מְסוּגָל פַאר דֶעם; אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן זָאגְט רֶבִּי נָתָן (סִימָן תס) "אִיךְ הָאבּ אַמָאל אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט אִין רֶבִּינְ'ס כְּתָבִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן פַארְשְׁרִיבְּן אַ סְגוּלָה אוֹיף דֶעם, מֶען זָאל זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, מִשְׁלֵי אוּן קֹהֶלֶת, דָאס אִיז וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט אִין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר דִי בְּחִינָה פוּן תְּלַת טִפִּין (תִּקּוּן יג, נג:) עַיֵּין שָׁם".

וְעַל כּוּלָם נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען קֶען זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת קֶעגְן דִי טֶבַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי טִירְן פוּן הִימְל אוּן עֶס קוּמְט נִיסִים שֶׁלֹּא עַל פִּי טֶבַע. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, אוּן בֶּעט אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

דִי אַלֶע עֵצוֹת הֶעלְפְן נָאר אוֹיב מֶען הָאט אֱמוּנָה; אַז מֶען גְלֵייבְּט - וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט סְפֵיקוֹת, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען טְרַאכְט 'מִן הַסְּתָם וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן' - דֶעמָאלְט אִיז אַ שָׁאד דִי עֵצוֹת, וִוי מֶער מֶען גְלֵייבְּט - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן, וִוי מֶער אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער נִיסִים קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, יֶעצְט הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר הַתִּקּוּנִים. בַּיי דִי וֶועלְט פִירְט מֶען זִיךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר אַ גַאנְץ יָאר, נִישְׁט נָאר אִין דִי אֱלוּל טֶעג (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח). דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְט אִין סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר; הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַ גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

דוּ בֶּעטְסְט אִיךְ זָאל דִיר צוּבִּינְדְן אִין מַיין זַאק; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע סָארְט זַאכְן אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרַנַ"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְד מִיר צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין"; דָא זֶעט מֶען, אַז אֲפִילוּ רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער 'אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַאק', דָאךְ בֶּעט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי בִּינְד צוּ דֶער זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן".

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, מֶען זָאל פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן;

דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיר וֶועט בַּאדִינֶען דִי מַאמֶע, וֶועט מֶען אַייךְ נִישְׁט דַארְפְן בַּאדִינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בָּאדְן אַ מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, דָאס אִיז רִיכְטִיג מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; וַוארְטְס נִישְׁט אַייעֶר מַאמֶע זָאל אַייךְ בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען, נָאר אִיר זָאלְט אִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט אִיר הֶעלְפְן בָּאדְן, טוּט דָאס מִיט שִׂמְחָה, מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר זֶענְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר אַייעֶר מַאמֶע; אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארְן מִיט חַבְרֶ'טֶעס טוּט אִיר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם - זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען מֶען זָאל אַייךְ דַארְפְן בַּאדִינֶען, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, וֶוען אִיר וֶועט זַיין אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע זָאלְט אִיר זִיךְ אַלֵיינְס קֶענֶען בַּאדִינֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט דִי גוּטֶע עֶנְדֶע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ בֶּייצוּפַאל. אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר. אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט, עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן וִוי שְׁלֶעכְטְס אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז נָאר גוּטְס.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.): "שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם שֶׁיָּצְאוּ לִסְחוֹרָה", צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, "יָשַׁב לוֹ קוֹץ לְאַחַד מֵהֶן", גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פִיס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְ׳ן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְ׳ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, "הִתְחִיל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְיָמִים שָׁמַע שֶׁטָּבְעָה סְפִינָתוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ בַּיָּם הִתְחִיל מוֹדֶה וּמְשַׁבֵּחַ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה׳ כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר צֶעבְּרָאכְן מַיין פִיס, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ׳נַחֲמֵנִ׳י", ווַייל אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען; אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי

שְׁלֶעכְטֶס.

רוֹב מַעֲשִׂיוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, רוֹב מַעֲשִׂיוֹת עֶנְדִיגְן זִיךְ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל הֶערְן אַז דֶער שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס, מֶען בְּלַייבְּט מִיטְ'ן פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דִי שִׁיף; טַאקֶע דֶערְפַאר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת, אָבֶער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְפִיר, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי פִּיס, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי שִׁיף, פַארְוָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; מֶען בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ צַאמְקוּמֶען לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ; אַזוֹי וֶוערְט מֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג שָׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל צוּזַאמֶען מִיט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן; וָואלְסְט זִיךְ אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וָואלְסְט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אֲפִילוּ דִי בֶּעט אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם; אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין

שְׁטֶעטְל וַוייל דו הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אִין אַ פַּארְשְׁטוּיבְּטֶע בֶּעיסְמֶענְט צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אָן קַיין שׂוּיעֶר, אָן קַיין פְּרִיוַואטְקֵייט, הָאסְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט הָאבְּן דַיין אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמֶע בֶּעט, דַיין פְּרִיוַואטֶע צִימֶער, דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוּיכְן; זָאג אִיךְ דִיר אַז מֶען קוּמְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה און מִיט דִי עֵצוֹת, שְׁלָאפְט זִיךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער אֲפִילוּ אוֹיף אַ מַאטְרַאץ אוֹיף דֶער עֶרְד - וִוי אִין אַן אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמֶע פְּרִיוַואטֶע בֶּעט; נִישְׁט דֶער בֶּעט אִיז וָואס לָאזְט שְׁלָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ רוּאִיג, אַז דֶער מֹחַ אִיז מְסוּדָר - שְׁלָאפְט זִיךְ, און אַז דֶער מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען אִיז פַארְזָארְגְט - קֶען מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע אֵייגֶענֶע בֶּעט און נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

שׁוֹין, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר זָאלְסְט וִויסְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מָאל, זָאלְסְט וִויסְן פַאר אוּמַאן; בַּאלְד פָּארְט מֶען קַיין אוּמַאן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן נָאכְמָאל דִי נַארִישֶׁע חֶשְׁבּוֹן פוּן אַ בַּאקְוֶועמֶע בֶּעט און אַן אֵייגֶענֶע פְּרִיוַואטֶע דִירָה, עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר שְׁלָאפְן רוּאִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע ווילְן אֵיין זַאךְ, אַלֶע ווילְן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ ווּאוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע

לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ; דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט זֵייעֶרע הֶערְצֶער, אַלֶע הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעסְט מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט אוּן צוּגֶעלָאזְנְקֵייט, צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת אוּן צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַלֶע מִיט אֵיין ווִילְן - הֶערְן אוּן פָּאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אִינְאֵיינֶעם, מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם אוּן גֶעטַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם בִּיזְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר. שָׁבוּעוֹת בַּייטָאג אִיז גֶעוֶוען דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי שִׂמְחַת תּוֹרָה; מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אִין גַאס בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי תּוֹרָה, נִישְׁט ווִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען בְּלוֹיז אַ טֵייל נֶעמֶען בַּיי דִי שִׂמְחָה וְכוּ׳. אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט דִי שִׂמְחָה, ווַייל אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, הֲלָכָה אוּן מֶדְרָשִׁים - שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם בַּיי אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען הָאט מִיט וָואס צוּ טַאנְצְן.

נָאכְן דַאוֶונֶען, בַּיים קִידוּשׁ, הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה. ווַייל ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן".

שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג, מִיטְל נַאכְט נָאךְ מִנְחָה, הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, דִי שִׂיחָה וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין; מֶען הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן, אַז מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט.

דֶער צְוֵוייטֶער טָאג שָׁבוּעוֹת נָאךְ שַׁחֲרִית בַּיים קִידּוּשׁ הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט וָואס רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אֶחָד שָׁאַל אוֹתוֹ בְּעִנְיַן הַנְהָגַת הִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אַ אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְצִוָּה לוֹ לִלְמֹד", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְשָׁאַל אוֹתוֹ: הֲלֹא אֵינִי יָכוֹל לִלְמֹד", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען. אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה אוֹיף דִי עֵצָה, "הֵשִׁיב לוֹ: עַל יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס, "לְכָל טוּב", צוּ אַלֶע גוּטְס, "לְתוֹרָה", צוּ תּוֹרָה, "וַעֲבוֹדָה", צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת", צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת, "וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת", צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס פוּן דִי הֶעכְסְטֶע וֶועלְטְן; מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער עִנְיָן אַז מֶען לֵייגְט בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אַרוּם דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי בִּימָה וואוּ מֶען לֵיינְט דִי תּוֹרָה, כְּדֵי צוּ וַוייזְן דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוֹיב מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה - דַארְף מֶען גֵיין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען דַארְף גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען מַאכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַ פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי פֶעלְד אִין שׁוּל, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְטֶער'ן טַלִּית זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דִי שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע הַייזֶער זֶענֶען אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב - אִיז מֶען אִין פֶעלְד, מֶען קֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אוֹיךְ הָאט דִי שְׁטֶעטְל אַ מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אֱמוּנָה, אַלֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיסֶער דֶעם אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מַעֲלָה צוּ וואוֹינֶען

אִין שְׁטֶעטְל. מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת פוּן דִי שְׁטֶעטְל, ווִינְטֶער הַאקְט זִיךְ יֶעדְן צְוֵייטְן טָאג אָפּ דִי לֶעקְטֶער פוּן דִי שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן, רֶעגְן אוּן שְׁנֵיי; אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז בֶּערְגִיג; אוֹיךְ אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס אַיינְקוֹיפְן דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז מֶען הָאט אַ וֶועג וְכוּ' וְכוּ', מֶען הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת; אֵיין מַעֲלָה אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל אַז אַלֶע ווִילְן אֵיין זַאךְ, אַלֶע ווִילְן לֶעבְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען ווִיל דֶער רֶבִּי זָאל וַוייזְן דִי וֶועג - אַנְשְׁטָאט דֶער טֶערֶעפִּיסְט, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן - אַנְשְׁטָאט פָּאלְגְן דִי שְׁכֵנִים; אִין שְׁטֶעטְל אִיז דֶער רֶבִּי דֶער וֶועג וַוייזֶער, אִין שְׁטֶעטְל נֶעמְט מֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן - נִישְׁט פוּן צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג, דִי גְרָאסֶערִי פַּארְקוֹיפְט נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין תַּקָּנוֹת נִישְׁט צוּ פַארְקוֹיפְן דִי זַאכְן וַוייל קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ פַאר גֶעלְט וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּב, אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה נִישְׁט צוּ פַארְקוֹיפְן צוֹאָה. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ קוּקְן אִין דִי זַאכְן; אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אֲשֶׁר בַּנַּחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זֵיי רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נִישְׁט דֶער צֵייטוּנְג רֶעדְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר בּוֹיךְ.

אֵיינֶער זָאגְט מִיר עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אִין צֵייטוּנְג, נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע אִין מִירוֹן, אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּן אַ פְּרָאפֶעסָאר וָואס מֶען זָאל טוּן וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ גֶעדְרֶענְג. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט צֶעדְרוּקְט זָאל מֶען בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אוֹיב מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט מֶער שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס - זָאל מֶען זִיךְ הַאלְטְן מִיט דִי קָאפּ אִין דֶער הֵייעֶךְ, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען נִישְׁט, זָאל מֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אָטֶעמֶען; אַ גַאנְצֶע לַאנְגֶע אַרְטִיקְל וָואס מֶען זָאל טוּן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, זָאג אִיךְ אִים, דָאס הֵייסְט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, דָאס זֶענֶען לֵצִים, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן; זָאג מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אַלֵיינְס צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס?

אִיךְ דַארְף אַ פְּרָאפֶעסָאר זָאל מִיר דָאס זָאגְן? אִיךְ וֵייס נִישְׁט אַלֵיינְס וָוען מֶען צֶעדְרוּקְט מִיר אַז אִיךְ זָאל אוּיפְהֵייבְּן מַיין קָאפּ צוּ אָטֶעמֶען? דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אִין מִירוֹן הָאבְּן נִישְׁט אוּיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר קָאפּ צוּ אָטֶעמֶען? וֶוער שְׁרַייבְּט צֵייטוּנְגֶען? נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן, פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן.

אַנְשְׁטָאט שְׁרַייבְּן אִין גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת, מֶען רוּפְט דָאס אָן 'קִידוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיוֹת': "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, גְזֵירָה הִיא מִלְּפָנַי וְאֵין לְךָ רְשׁוּת לְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ, מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן; רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מֶען שׁוֹין דַן גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם, 'מִי יִחְיֶה', וֶוער גֵייט לֶעבְּן, 'מִי יָמוּת', וֶוער גֵייט שְׁטַארְבְּן, 'מִי בַצָּמָא', וֶוער וֶועט שְׁטַארְבְּן פוּן דוּרְשְׁט, 'מִי בָרַעַשׁ', וֶוער וֶועט שְׁטַארְבְּן פוּן אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, 'מִי בַמַּגֵּפָה', וֶוער וֶועט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ מַגֵיפָה, 'מִי בַחֲנִיקָה', וֶוער וֶועט דֶערְוָוארְגְן וֶוערְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶוער עֶס זָאל זַיין אִין מִירוֹן, וֶוער עֶס זָאל זַיין אוֹיפְ'ן בַּארְג, וֶוער זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען לֶעבֶּעדִיג", - אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁרַייבְּט מֶען הֶבֶל הֲבָלִים, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן מֶענְטְשְׁן; דָאס לֵיינְט עוֹלָם גוֹלָם, קִינְד אוּן קֵייט, בַּיי אַלֶע וָואס רוּפְן זִיךְ חֲסִידִים קוּמְט אַרַיין דִי לוּפְט בְּלֶעטֶער, דִּבְרֵי רוּחַ; דָאס פִיטֶערְן דִי מְלַמְדִים פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ טְרַאגֶעדְיֶע, אַלֶע קוּקְן וָואס דֶער צֵייטוּנְג זָאגְט.

אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין מְלַמְדִים וָואס לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען, אִיךְ נֶעם מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר הַשְׁקָפָה פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל.

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה אִין שְׁטֶעטְל, פוּן דֶעם הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט דִי צְוֵוייטֶע טָאג; אוֹיבּ מֶען זוּכְט אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ צוּ וואוֹינֶען - אִיז דָא שֶׁענֶערֶע פְּלֶעצֶער, אוֹיבּ מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַרוּמְפָארְן מִיט

אַן עֶ״י טִ״י וִו״י - טוּט מִיר אַ טוֹבָה זוּכְט אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, נִישְׁט פַּאר דֶעם בְּלוּטִיג אִיךְ פַּארְ׳ן שְׁטֶעטְל, אוֹיב מֶען זוּכְט וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם - קוּמְט נִישְׁט אַהֶער, נָאר אַז אִיר זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶעבְט, וואוּ מֶען לָאזְט שְׁמֵייכְלֶען, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט דִי כְּתוּבָּה, מֶען הָאט זִיךְ וַוייטֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת.

אִיךְ דַארְף אַרֵיינְלוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אִין אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

אִיךְ וִויל דִיר זֶען הַיינְט נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן דִי גְרָאז

קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶועֶר ווִיל קוּמֶען מִיט טַאטֶע אַבִּיסְל אִין פֶּעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיעֶךְ: "אִ אִ אִ אִ אִ אִ אִי ךְ ךְ ךְ ךְ ךְ ךְ! ! !"

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶּעלְד אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי: טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה:

"וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אֵיינְמָאל זוּמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערוּפְן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה זִי זָאל רוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעזָאגְט: 'וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, זֵיי ווִילְן גָארְנִישְׁט, זֵיי עֶרְוַוארְטְן גָארְנִישְׁט, זֵיי ווִילְן נָאר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי גוּט אִיז צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי'".



אַהַהַהַ, וִוי גֶעשְׁמַאק!

דֶער טַאטֶע זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען אַ נִיגוּן, לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אָן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן״, אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: ״שְׁכֹּחַ, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן!״

דֶער טַאטֶע הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט צוּם הִימְל אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן מֶען זִינְגְט וַוייטֶער: ״טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיר״, אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען מִיט: ״טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר!״



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com